# תשורה

משמחת הנישואין

של

**מנחם מענדל הכהן וחי׳ מושקא**

שיחיו

**בלעסאפסקי**



כג טבת תשפ״א

ב"ה

# פתח דבר

ביום שמחת לבבנו, הננו בזה להגיש לידידנו ומכירנו שבאו לשמוח איתנו, "תשורה" ומזכרת, כפי שנהוג בין אנ"ש לאחרונה, וכפי שהי' בחתונת כ"ק אדמו"ר מה"מ, שחולקה תשורה לכל המשתתפים.

התשורה כוללת:

**א. התוועדות ש"פ דברים, תשכ"ט עם הגהות מכ"ק אדמו"ר מה"מ.**
הנחה מהתוועדות שהוכן עבור להשמיע ברדיו במוצ"ש, עם הגהות והוספות ע"י כ"ק אדמו"ר מה"מ, המתפרסם בזה לראשונה. בהתוועדות זו דיבר הרבי ע"ד הטיסה לירח וההוראה מזה, וכן בנושא יצורים בעלי חיים על כוכבי לכת אחרים וכו'.

**ב. התוועדות הנ"ל – הנחת התמימים.**
הנחה מדוייקת מהתוועדות הנ"ל, המתפרסמת בזה לראשונה.

**ג. כלל דקדוק באידיש.**
הגהה על מכתב כללי מימי הסליחות תשמ"ב, המתפרסם בזה לראשונה.

**ד. מילי מעלייתא.**
לקט סיפורים וזכרונות שנרשמו ע"י סב החתן הרב חיים אברהם דובער הכהן שיחי' בלעסאפסקי, ששמע מאת זקני החסידים וכן ממה שראה או שמע בעת שהותו ב770 בשנות הכ"ף.

ואנו תפלה שמהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה וכו' בהתגלות מלכנו משיחנו בגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

**מנחם מענדל הכהן וחי' מושקא בלעסאפסקי**
כג טבת תשפ"א

# התשורה בחתונת הרבי

באמצע סעודת החתונה של הרבי, בי"ד כסלו תרפ"ט, שעה שהסיבו המסובים ליד השולחנות הערוכים, ציוה הרבי הריי"צ לאחד מתלמידי התמימים, לחלק בשמו, לכל אחד ואחד מהמסובים, תשורה מיוחדת:

גיליון שנכפל לשלושה חלקים. מצדו האחד של הגיליון נדפס צילום "תמונת הדרת-קודש. גוף כתב יד קדשו של כ"ק אאזמו"ר. אדמו"ר אבינו הראשון. רבינו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע", ומצדו השני, כלפי חוץ, נדפסו שלושה צילומי קטעים קטנים, האחד - כתוב בלשון הקודש - אף הוא בגוכי"ק של אדמו"ר הזקן. השניים האחרים נכתבו ברוסית על-ידי אדם אחר.

לגיליון זה צורף גיליון נוסף שנכפל לשנים: מצד ימין נדפס צילום מכתבו של הרבי הריי"צ - הכתוב בכתב ידו של אחד המזכירים וחתום בגוכי"ק של אדמו"ר הריי"צ - בו הוא מודיע כי מכתב של אדמו"ר הזקן שראה לכבד בו "את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק . . אשר סגולה יהי' לכל מילי דמיטב מנפש ועד בשר, בתוככי ידידינו אנ"ש, ד' עליהם יחיו, וכל מחבבי תורה יחיו". בצד השמאלי של הגיליון, נדפסה פשר פתשגן הכתב - אף זאת בצילום כתב-ידו של אותו מזכיר - בו מפרט הרבי את הנסיבות בגללן שלח רבינו הגדול את מכתבו הנ"ל.



בעזה"י

שלום וברכה

לזכרון טוב. ליום כלולת בתו הכלה המהוללה מ' חי' מושקא תחי' עם בנו החתן הרב מ' מנחם מענדל שי'. הנני בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו. מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה. העתק מכתב כתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר אאזמו"ר. אבינו הראשון, רבינו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע אשר סגולה יהי' לכל מילי דמיטב מנפש ועד בשר. בתוככי ידידינו אנ"ש. ד' עליהם יחיו. וכל מחבבי תורה יחיו.

בשמחה וברכה

יוסף יצחק

ישיבה - תומכי-תמימים ליובאוויטש"

ג' י"ד כסלו. תרפ"ט. ווארשא.

פרשת מכתב קדש זה הוא. כי היחס בין החסידים ומתנגדיהם בעת ההיא הי' במצב כזה. אשר באחת האסיפות של אנ"ש בווילנא חוו קהלת אברכים ומופלגי תורה מצעירי החסידים דעתם לצאת לריב עם מתנגדיהם ומאנו להוסיף ללכת בעקבי. ומתוך אנ"ש שבראשם עמד פרנס הקהלה החסיד ר' מאיר ב"ר רפאל נ"ע אשר כחמשה ששה שנים (תקנ"א - נו לערך) עמלו והשתדלו בדבר הבאת שלום ובאסיפה ההיא תמך החסיד רמ"ב נ"ע בידם של הצעירים ויצא בדברים יוצאים מלב פואר. מרוב הנגישות שסבלו. נגד החסיד רמב"ר נ"ע

באותו מעמד שלח רבינו הגדול אליהם ציר מיוחד. ואמר. הצדק אתכם. אבל המוח שליט על הלב. וזאת היא עבודת אנ"ש להיות לבם ברשותם ומכון לאהבתו ויראתו ית'. ולבא פלוג לבד [illegible] בפועל [illegible] טובות באהבת כל ישראל. לטובת ה' וסוד כבוד אלקים לבא כאשר יפוצו מעינות מעין בית ה' אשר נגלה על מורנו הבעש"ט נ"ע ומלאה הארץ דעה את ה'

ובחדש אלול בשנה ההיא שלח רבינו הגדול מכתב זה להחסיד ר' משה נ"ע





לידידי מו' משה נ"י שאלתי ובקשתי לעורר רוח טהרה בלבו הטה[ור] להעביר על מידותיו כמארז"ל כל המעביר על וכו' ולהיות מן הנעלבי[ם] ולבקש מחילה ברבים מהנגיד מו' מאיר נ"י קודם יה"כ הבע"ל [יום הכיפורים הבא עלינו לטובה] ולעשות זאת למעני ולמען השלו[ם] כי אין שלו' יוצא מתוך מריבה ח"ו ובפרט ממחלוקת לש"ש [לשם שמים] אשר רוב הצרות והתלאות הן ממחלוקת לש"ש הרחמן יצילנו ממנה ומגודל בטחוני שדברי אלה המועטי[ם] יחזיקו המרובי[ם] ויהיו לרצון אמרי פי ולא ישליכם אחרי גיוו ח"ו קיצרתי ואומר שלו' שלו' מאדה"ש [מאדון השלום] כנפש תדרשנו ד"ש [דורש שלומו] וטובתו מלונ"ח [מלב ונפש חפיצה] שניאור זלמן

תרגום הכיתוב בתמונה השמאלית למטה - בגוף כתב יד קודש אדמו"ר הזקן:

**להרבני מו"ה מייזליש שמש ונאמן דק[הלת] ווילנא**

שלוש השורות הנוספות, בשפה הרוסית, נכתבו על-ידי אחר:

**לאדון יהודי משה מורדוכוביץ [בן מרדכי] מייזליש בווילנא**

# התוועדות ש"פ דברים - חזון תשכ"ט
# עם הגהות מכ"ק אדמו"ר מה"מ

ה' אב תשכ"ט הי' יום היסטורי בו נחתו אנשים בפעם הראשונה על הירח.

כמה ימים אחרי זה, בהתוועדות שבת פרשת דברים, דיבר כ"ק אדמו"ר מה"מ על הטיסה לירח וההוראה שניתן ללמוד ממנה בעבודת השם. גם דיבר באריכות האם יש יצורים בעלי חיים על כוכבי לכת אחרים.

הנחה מההתוועדות זו הוכן עבור להשמיע ברדיו במוצ"ש, וכ"ק אדמו"ר מה"מ הוסיף בו הגהות רבות.

השיחה מתפרסם בזה לראשונה, עם פיענוח מלא
[ההוספות שהוסיף כ"ק אדמו"ר מה"מ בכתי"ק נדפסו באותיות בולטות].

ב"ה.

שבת פרשת דברים (חזון) האט אונז – און די גאנצע וועלט – מזכה געווען כ"ק אדמו"ר דער ליובאוויטשער רבי שליט"א מיט א אומגעריכטע התוועדות – פארברענגען – ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געזאגט איז איינע פון די כ בות פון דעם פארברייינגען דער ענין פון דעם פליה צו דער לבנה, און עס איז כדאי און זעהר וויכטיג אז עס זאל געהערט ווערן די מיינונג פון דעם נשיא בישראל, דער ליובאוויטשער רבי שליט"א וועגן דיסען ענין וואס האט אויפגעשטורעמט די גאנצע וועלט, וואס דאס איז די אמתע דעת תורה תמימה, און על פי פנימיות התורה, ווי דער גאנצער ענין איז ארויסגעברענגט געווארען פון דעם רבין שליט"א, אבער צוליב די קורצע צייט פון דעם בראדקעסט וועלען מיר דא איבערגעבען נאר א תוכן אין נקודות פון וואס עס האט זיך גערעדט וועגען דעם, איבער א שעה צייט.

דער רבי שליט"א האט אנגעפאנגען מיט א סיפור פון דעם בעש"ט וואס ער איז געווען א מלמד זכות אויף אידען, אפילו אויף א ענין וואס בחיצוניות האט דאס ניט געטויגט, און דער רבי שליט"א האט ערקלערט אז מיט דעם לימוד זכות אויף א צווייטען רופט מען ארויס, ביז עס ווערט דער טוב, בגלוי און במעשה בפועל,

מיט דעם ביאור פון דעם פריערדיגען ליובאוויטשער רבין אויף דעם מאמר הגמרא (ערכין דף ט"ו ע"ב) לישנא תליתאי קטיל תליתאי, אז לשון הרע שאט, ניט נאר פאר דעם דערציילער און פאר דעם אויסהערער, נאר אויך פאר דעם, אויף וועמען מען האט גערעדט, איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיג בשלמא דער וואס רעדט לשון הרע, איז מובן, אויך דער הערער לשון הרע, ווען ער וואלט ניט געוואלט הערען און אנטלאפען, וואלט דאך דער דערציילער ניט געהאט פאר וועמען צו רייךען, אבער דער תליתאי, אויף וועמען מען רעדט, וואס איז ער שולדיג, איז דערתירץ אז דורכן ריידען אויף יעמעם ברענגט מען דאס לגילוי, וואס עס קען זיין איז דער רע איז געווען ביי איהם פריער במחשבה, אדער נאך מעהר בהעלם, איז דורכן ריידען קומט עס בגלוי, ווארום דאס איז דער אופן ווי דער אויבערשטער האט באשאפען די וועלט, אז בשעת מען איז מגלה א טייל פון די זאך, ווערען נתגלה די אנדערע טיילען אויך.

עס איז דאך מרובה מדה טובה, במילא איז דורך ריידען

שבת פרשת דברים (חזון) האט אונז - און די גאנצע וועלט - מזכה געווען כ"ק אדמו"ר דער ליובאוויטשער רבי שליט"א מיט א אומגעריכטע התועדות - פארברייינגען - ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געזאגט איז איינע פון סיבות פון דעם פארברייינגען דער ענין פון **כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים גו' אין צוזאמענהאנג מיט** דעם פליה צו דער לבנה, און עס איז כדאי און זעהר וויכטיג אז עס זאל געהערט ווערען די מיינונג פון דעם נשיא בישראל, דער ליובאוויטשער רבי שליט"א וועגען די ענין וואס האט אויפגעשטורעמט די גאנצע וועלט, וואס דאס איז די אמתע דעת תורה תמימה, און על פי פנימיות התורה, ווי דער גאנצער ענין איז ארויסגעברענגט געווארן פון דעם רבין שליט"א, אבער צוליב די קורצע צייט פון דעם בראדקעסט וועלען מיר דא איבערגעבען נאר א תוכן אין נקודות פון וואס עס האט זיך גערעדט וועגען דעם איבער א שעה צייט.

דער רבי שליט"א האט אנגעפאנגען מיט א סיפור פון דעם בעש"ט וואס ער איז געווען א מלמד זכות אויף אידען, אפילו אויף א ענין וואס בחיצוניות האט דאס ניט געטויגט, און דער רבי שליט"א האט ערקלערט אז מיט דעם לימוד זכות אויף א צווייטען רופט מען ארויס ביז עס ווערט דער טוב בגלוי און במעשה בפועל.

מיט דעם ביאור פון דער פריערדיגען ליובאוויטשער רבין אויף דעם מאמר הגמרא (ערכין דף ט"ו ע"ב) לישנא תליתאי קטיל תליתאי, אז לשון הרע שאט ניט נאר פאר דעם דערציילער און פאר דעם אויסהערער, נאר אויך פאר דעם אויף וועמען מען האט גערעדט, איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיג בשלמה דער וואס רעדט לשון הרע איז מובן, אויך דער הערער לשון הרע, ווען ער וואלט ניט געוואלט הערען און אנטלאפען וואלט דאס דערציילער ניט געהאט פארוועמען צו ריידען, אבער דער תליאי, אויף וועמען מען רעדט, וואס איז ער שולדיג, איז דער תירץ אז דורכן ריידען אויף יענעם ברענגט מען דאס לגילוי, וואס עס קען זיין איז דער רע איז געווען ביי איהם פריער במחשבה, אדער נאך מעהר בהעלם, איז דורכן ריידען קומט עס בגילוי, ווארום דאס איז דער אופן ווי דער אויבערשטער האט באשאפען די וועלט, אז בשעת מין איז מגלה א טייל פון די זאך, ווערען נתגלה די אנדערע טיילען אויך.

עס איז דאך מרובה מדה טובה, במילא איז דורך ריידען

דיבור פון לימוד זכות, איז מען מגלה דעם טוב ביי יענעם, אפילו ווען יענער ווייסט גאר ניט דערפון.

דאס איז געווען בתור הקדמה ווענען דעם ענין פון דער פלי צו דער לבנה וואס עס האט צוטומעלט די גאנצע וועלט, אויך ביי אחינו בני ישראל און ווען מען רעדט וועגן דעם, איז דאך ניט מעגליך צו ריידען וועגן א ענין פון תורה, [illegible], האט דער רבי שליט"א ארויסגעבראכט דעם טוב וואס מען קען זיך אפלערנען פון דעם פלי צו דער לבנה, און דאס בפנימיות די גוטע זייט פון דעם, וואס דערפון קען מען ארויסנעמען פרטים אין עבודת השם.

ווי געזאגט שוין אמאהל וועגן דעם באריכות, אז מען קען דערפון ארויסנעמען דעם ענין פון ישראל ערבים זה בזה, וואס בשעת איינער טוט שלא כדבעי, מאכט ער אלץ קאליע, למשל, עס איז דא די, וואס פרעגען אויב ער וועט עסען א זאך וואס עס איז ניט כשר, און ער עסט דערפון ניט מעהר ווי א קליין שטיקעל-א כזית, וואס קען אזא קליינע שטיקעלע ניט כשר עסען שאטען פאר איהם און בפרט פאר אנדערע, עס איז דאך א ענין וואס ער אליין עסט, און ניט קיין צווייטער,

איז דא זעהט מען דאס בגלוי, ווען איינער פון די אסטראנאטען זאל באשליסען אז ער מוז ניט עסען דאס וואס מען האט איהם אנגעוויזען, נאר ער וועט עסען דאס וואס עם שמעקט און איהם איז צום געשמאק, און ניט מעהר ווי א קליין שטיקעלע, איז דאך פארשטאנדיג אז דאס וואלט געבראכען אין סכנה ניט נאר איהם נאר אלע זיינע מיטפליער און דער גאנצער ענין פון פּליץ אורי פלל וויליאנען דאלארען וואלט געגאנגען לאיבוד, און דער גאנצער עקספערימענט וואלט זיך ארויסגלאזט מיט גאר ניט.

אויך זעהט מען דא אין דעם, אז עס איז ניטדא קיין קטנות א קליינע זאך, וכמ"ש מי בז ליום קטנות (זכרי' ד' י"ד) אפילו א זאך פון א שוה פרוטה קען שאטען צו א ענין וואס ווערט אן אין אלפים ורבבות, וואס א קליין שרייפעלע אויב דאס וועט ניט מרדעטן ווי מען דארף, וועט אלעס קאליע ווערען, איז דער לימוד דערפון אין עבודת השם, אז אפילו א דקדוק קל של דברי סופרים, און נאכמעהר אפילו בלויז א מנהג ישראל, איז אויך שטארק נוגע, און ניט אוועקצומאכען דאס און זאגען אז א קליינינקייט, ווייל מען זעהט אז אפילו א קליינינקייט ווערט אן אין גאר גרויסע

דיבור פון לימוד זכות איז מען מגלה דעם טוב ביי יענעם, אפילו ווען יענער ווייסט גאר ניט דערפון.

דאס איז געווען בתור הקדמה וועגן דעם ענין פון דער פלי צו דער לבנה וואס עס האט צוטומעלט די גאנצע וועלט, אויך ביי אחינו בני ישראל, און ווען מען רעדט וועגן דעם איז **בשעת מעשה** ניט מעגליך צו ריידען וועגן א ענין אין תורה, ווייל עפ"י דין קענען ניט זיין צוויי מחשבות בבת אחת וכל שכן דיבור, האט דער רבי שליט"א ארויסגעברענגט דעם טוב וואס מען קען זיך אפלערנען פון דעם פלי צו דער לבנה, (און דאס בפנימיות) די גוטע זייט פון דעם, וואס דערפון קען מען ארויסנעמען פרטים אין עבודת השם.

ווי גערעדט שוין אמאהל וועגן דעם בארוכה, אז מען קען דערפון ארויסנעמען דעם ענין פון ישראל ערבים זה לזה, וואס בשעת איינער טוט שלא כדבעי מאכט ער אלץ קאליע, למשל, עס איז דא די וואס פרעגען אויב ער וועט עסען אזאך וואס עס איז ניט כשר, און ער עסט דערפון ניט מעהר ווי א קליין שטיקעל - א כזית, וואס קען אזא קליינע שטיקעלע ניט כשר עסען שאטען פאר איהם און בפרט פאר אנדערע, עס איז דאך א ענין וואס ער אליין עסט, און ניט קיין צווייטער,

איז דא זעהט מען דאס בגלוי, ווען איינער פון די אסטראנאטען זאל באשליסען אז ער מוז ניט עסען דאס וואס מען האט איהם אנגעוויזען, נאר ער וועט עסען דאס וואס איהם שמעקט, און איהם איז צום געשמאק, און ניט מעהר ווי א קליין שטיקעלע, איז דאך פארשאנדיג אז דאס **קען** וואלט געברענגן אין סכנה ניט נאר איהם, נאר אלע זיינע מיטפליער און דער גאנצער ענין פון **פילע הונדערטער** אזוי פיל במיליאנען דאלארען וואלט געגאנגען לאיבוד, און דיער גאנצער עקספערימענט וואלט זיך אויסגלאזט מיט גאר ניט.

אויך זעהט מען דא אין דעם, אז **באמת** עס איז ניטדא קיין קטנות א קליינע זאך, וכמ"ש מי בז ליום קטנות (זכרי' ד' יו"ד) אפילו א זאך פון שוה פרוטה קען שאטען צו א ענין וואס רירט אן אין אלפים ורבבות, וואס א קליין שרייפעלע אויב דאס וועט ניט אכעררירן **ארבעטן** ווי מען דארף, וועט אלעס קאליע ווערען, **וע"פ תורת הבעש"ט** __שכל דבר__ **שיהודי רואה - יש בזה לימוד** __בשבילו__ **בעבודתו לקונו** איז דער לימוד דערפון אין עבודת השם, אז אפילו א דקדוק קל של דברי סופרים, און נאכמעהר אפילו בלויז א מנהג ישראל, איז אויך שטארק נוגע, און ניט אוועקצומאכען דאס ח"ו און זאגען אַי א קלייניגקייט, ווייל **באט** זעהט מען אז אפילו א קלייניגקייט רירט אן אין גאר גרויסע


3

ענינים, ביז וואס עס איז נוגע די גאנצע וועלט

אזוי אויך בנוגע צום ענין פון כמות און איכות, וואס א מענש הגם א קליין כמות, שפאנט, אין זאכען וואס האבען א כמות באין ערוך וויפיל ער האט, וואס דאס איז די מעלה פון איכות אויף כמות, הגברת הצורה על החומר ביז הגברת הרוחניות על הגשמיות וואס דאס איז באין ערוך ממש, ווי אין מספר איז דאך אפילו א מספר היותר קטן האט דאך א ערך צו אמספר היותר גדול משא"כ אין דעם ענין פון רוחניות און גשמיות איז דאך באין ערוך,

וואס דער לימוד דערפון איז א א מענש זאל ניט זאגען, וואס קען ער מיט זיין עבודה, מיט זיין מקיים זיין תורה ומצות אויפטוען ווען ער איז נאר איינער און א קלייניקער מענש,

עס פועלט א הוספה.

ענינים ביז וואס עס איז נוגע **און עס רעדט דערפון** די גאנצע וועלט.

אזוי אויך בנוגע צום ענין פון כמות און איכות, וואס א מענש ~~הגם א~~ **וואס איז** קליינ~~ע~~ **בכמות שפאנט** אין זאכען וואס האבען א כמות באין ערוך וויפיל ער האט, וואס דאס איז די מעלה פון איכות אויף כמות, הגברת הצורה על החומר, ביז - הגברת הרוחניות על הגשמיות וואס דאס איז **זיי זיינען** באין ערוך ממש, **ווארם**

**החילוק בכמות איז** ווי אין מספר - איז דאך אפילו א מספר היותר קטן האט דאך א ערך צו א מספר היותר גדול משא"כ אין דעם ענין פון רוחניות און גשמיות איז רוחניות איז דאך באין ערוך,

וואס דער לימוד דערפון איז אז א מענטש זאל ניט זאגען, וואס קען ער מיט זיין עבודה מיט זיין מקיים זיין תורה ומצוה אויפטוען, ווען ער איז גאר איינער און א קלייניקער מענש, איז זעהט מען אז א קלייניקער אין כמות קען דערגרייכען גאר הויך, און ניט פאר זיך אליין נאר פאר אסאך אנדערע ~~ביז די גאנצע וועלט~~.

~~אויך נעמט מען דא~~ **נאך אַן ענין כללי הכולל כמה חלקים - האט מען דערזען אין וועלט אין צוזאמענהאנג מיט דעם ענין פון דעם פלי..** דעם ענין פון תפלה,

דער ענין התפלה ~~איז~~ **פאדערט** דאך הקדמת התבוננות ברוממות הקל ושפלות האדם **כפס"ד מפורש** בשו"ע או"ח רס"צח ~~וואָרום דורך דעם קען מען דאך צוקומען צו הגבהה, כחי ועוצם ידי, ווייל עס איז דאך א גרויסע דערגרייכונג דאריבער איז דא די התבוננות בשפלות האדם, וואס דאס~~ **ובעניננו** איז ווי עס שטייט (תהלים ח') כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת, ~~אז דורך דעם וואס~~ **וואס אין דעם ווערט מען ספעציעל דערמאנט דורך'ן פלי** - עס איז פאראן **דער** שאו מרום עיניכם **בהדגשה**, אז מען זעהט שמיך און ירח וכוכבים וואס כל מציאותם איז נאר אשר כוננת קומט מען ~~במילא צו א פארקערטען ענין~~ **לחיזוק בגדלות הא-ל ותיכף - כהמשך הכתובים - מה אנוש כי תזכרנו גו' (מצ"ע אֱנוש הוא)** שפלות ~~וביטול~~ האדם. **ואף שהנ"ל [איז דאך א גרויסע דערגרייכונג] ה"ז מפני שהא-ל "ותחסרהו מעט מאלקים וכבוד והדר תעטרהו - תמשילהו במעשה ידיך גו' - שלכן מסקנת כהנ"ל כהסיום ה"א מה אדיר שמך בכל הארץ.**

~~און נאך מערער עס פועלט גאר הכללות ענין האמונה, ווי דער ענין פון עשה לך שרף ושים אותו על נס, שהיו מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבן לאביהם שבשמים, (ווי גערעדט אין די התועדות פון י"ב תמוז) ואדרבא עס פועלט א הוספה.~~

וואס עס זיינען פאראן א זעלכע וואס טענה'ן אז זיי האלטען ניט רח"ל פון ענין האמונה, און עס איז דאך מהרסיך ומחריביך ממך יצאו און עס ווילט זיך ניט מאריך זיין אין דעם, נאר ריידען **גאר** בקיצור, וואס **ביז** עס איז דא **אזוינע** וואס ~~הייסט~~ **רופן** זיך אַן ראביי און חתמ'ן זיך ראביי **און נעמען געלט דערפאר** און פונדעסטוועגען זאגט ער צו אלע וואס הערען איהם אז ער גלויבט ניט רח"ל,

אין רמב"ם אין הלכות תשובה **(ג, ז)** רעכנט ער אויס ~~די~~ **כמה** זאכען היפך האמונה, ~~זאגט ער דארטען~~ מן הכבד אל הקל, האומר שאין שם ~~קל~~ **אלוקה**, ~~האלט~~ **זאגט יענער**

דאס

דערנאך איז פארהאן ~~די וואס זאגען די~~ אנדערע מדריגות, ~~וואס דער~~
~~רמב"ם רעכענט ראדס, אז~~ עס איז טאקי דא ~~נאר~~ רם על כל גוים ה' ער איז נ יט
משגיח דא למטה, און עזב ה' את הארץ, ווארום עס איז א השפלה פאר איהם,
וואס באמת איז דאך דא, די השגחה ניט נאר אויף אידען, נאר אויך אויף
אינם יהודים, און אפילו צומח און דומם, ביז אפילו א בלעטעלע פון א בוים
איז דא א ספעציעלע השגחה ווען עס זאל קומען א ווינט און ארפווארפען די
בלעטעלע און ביז ווי ווייט די בלעטעלע זאל זיך קייקלען, און דערמיט ווערט
נשלם די כוונה פון מחשבה הקדומה דא"ק, ווי עס איז מבואר ווענגען דעם אין
די מאמרים פון דעם פריערדיגען רבין ~~בשם~~ הבעל שם טוב ז"ל.

עס איז דא אויך אזעלכע וואס זיי האלטען שוין פון ביידע, אז יש
שם קל און אז ער איז משגיח, ווארום מי יאמר לו מה תעשה, איז ער משפיל זיך
צו משגיח זיין אויף דעם עולם, אבער א פעולה וואס מען טוט דא למטה, קען
ח"ו ניט העלפען, ווייל וואס פאר א פארבונד האט ער מיט למעלה,

דאס איז אלץ לגבי ~~זיין דעה~~, צו ער האלט אזוי ~~לפגבל~~ צו אזוי,
בשעת אבער אז עס קומט לפועל און מען ווייסט ניט וואס עס וועט זיין צו
אזוי צו באופן אחר, ~~בעט~~ מען זאל מתפלל זיין, און כדי עס זאל זיין
קלארער, שעמט ער זיך און זאגט ~~אבריס~~ אז ער מיינט א אידישע תפלה
און א תפלה פון דעם נעים זמירות ישראל-דודהמלך- פון זיין ספר תהלים.
וואס דאס האט געזאגט אפילו א איננו יהודי,

וואס דאס איז דאך כולל אלע דריי ענינים, אז ער איז דא און
ער איז משגיח ביזועם ענין וואס תפלה העלפט; ~~וואס לכאורה וואס ווערט~~
~~העלפען וואס~~ ער זיצט דא אין צימער און איז מתפלל-פאר יענעם וואס פליהט
הונדערטער טויזענטער מייל ווייט פון איהם, ~~באד~~ אין דעם זעהט מען
~~דעם ענין~~ האמונה, ~~וואס~~ אלע זיינען מאמינים, ~~אפילו גוים נאר ביי זיי~~
~~איז די אמונה נאר אין ממלא כל עלמין משא"כ ביי אידען להבדיל איז די~~
~~אמונה אין סובב כל עלמין, (איך שם הוי' למעלה מן הטבע)~~

דאס איז די נקודות וואס דער רבי שליט"א האט
ארויסגעברענגט אין דעם פלי צו דער לבנה וואס מען דאף פון דעם ארויסלערנען
אין עבודת השם יתברך.

דאס,

דערנאך איז פארהאן די וואס זאגען די אנדערע מדריגות, וואס דער רמב"ם רעכנט דארט, אז עסר איז טאקע דא נאר אלוקה אבער - רם על כל גויים ה', ער איז ניט משגיח דא למטה, און עזב ה' את הארץ, ווארום עס איז א השפלה פאר איהם, וואס באמת איז דאך דא די השגחה ניט נאר אויף אידען, נאר אויך אויף אינם יהודים, און אפילו חי צומח או דומם, ביז אפילו א בלעטעלע פון א בוים איז דא א ספעצילע השגחה ווען עס זאל קומען א ווינט און אראפווארפען די בלעטעלע און ביז ווי ווייט די בלעטעלע זאל זיך קייקלען, און דערמיט ווערט נשלם כי כוונה פון מחשבה הקדומה דא"ק, ווי עס איז מבואר וועגען דעם אין די מאמרים פון דעם פריעדיגען רבי'ן - בשם **תורת** הבעל שם טוב (?)

עס איז דא אויך אזעלכע וואס זיי האלטען שוין פוןביידע, אז יש שם קל און אז ער איז משגיח, ווארום מי יאמר לו מה תעשה, איז ער משפיל זיך צו משגיח זיין אויך דעם עולם אבער א פעולה וואס מען טוט דא למטה, קען ח"ו ניט העלפען, ווייל וואס פאר א פארבונד האט דער **מענש דא** מיט למעלה,

דאס איז אלץ **אבער** לגבי זיין דעה **זאגן** צו ער האלט אזוי צו אזוי, בשעת אבער אז עס קומט לפועל און מען ווייסט ניט וואס עס וועט זיין צו אזוי צו באופן אחר **גייט מען ארויס ובפרסום הכי גדול און** מען בעט מזאל מתפלל זיין, און כדי עס זאל זיין קלארער, שעמט **מען** זיך ניט און **מ'**זאגט ארויס בפי' אז **מען** מיינט א אידעשע תפלה און א תפלה פון דעם נעים זמירות ישראל - דוד המלך - פון זיין ספר תהלים. וואס דאס האט געזאגט אפילו א אינו יהודי, **ונתקבל בספ"י וכו' וכו' ובכ"מ וע"י כאו"א**

וואס דאס איז דאך כולל אלע דריי ענינים, אז ער איז דא און ער איז משגיח ביז דעם ענין וואס תפלה העלפט; וואס לכאורה וואס וועט העלפען וואס ער זיצט דא אין צימער און איז מתפלל - פאר יענעם וואס פליהט הונדערטער טויזענטער מיילען ווייט פון איהם. נאר אין דעם **אויך** זעהט מען דעם ענין ה **ווי אזוי** אמונה **דרינגט דורך אלעמען, אַז** וואס אלע זיינען מאמינים, **נאר ס'זיינן דא אזוינע וואו עס דארף זיין אַן אופטרייסלישע זאך - ווערט דאס אַנטפלעקט און ער שעמט זיך ניט דערציילן וועגן דעם.** איז די אמונה נאר אין ממלא כל עלמין משא"כ ביי אידען להבדיל איז די אמונה אין סובב על עלמין, (אין שם הוי' למעלה מן הטבע)

דאס איז בקיצור גדול די נקודות וואס דער רבי שליט"א האט ארומגעברענגט אין דעם פלי צו דער לבנה וואס מען דארף פון דעם ארויסלערנען אין עבודת השם יתברך.

5

דער רבי שליט"א האט אין לאנגערע טיפעט יחה כדרכו בקודש מבאר געווען באריכה ווי אלע ענינים פון וועלט געפינען זיך אין תורה, ווארום עס איז דאך אסתכל באורייתא וברא עלמא, און די תורה איז די דפתראות ופנקסאות וואס פון זיי האט ער איבערשטער באשאפען די וועלט, און במילא אז אלע ענינים מוזען זיך געפינען אין תורה, א דוגמא ווי די גמרא דערציילט (אין בכורות ד"ח) וועגען רבי יהושע בן חנני' מיט די חכמי אתונא אז ער האט געפרואווט נחש לכמה שנים מתעבר, אז דאס איז לשבע שנים מצד דעם למוד פון "מכל החי" מכל הבהמה, און דאס וואס די חכמי אתונא האבען חוקר געווען אין טבע האבען די געהאט א טעות ווייל ווי די גמרא זאגט דארט מעקרא הפר מסברה.

כאמור איז אלע ענינים פון וועלט געפינט מען אין תורה, אבער ווי עס שטייט אין ירושלמי אויף דעם פסוק כי לא דבר רק הוא מכם, אז אם ריק איז עס מכם, (איך פארוואס ווייסט מען נישט ווארום ימים יוצרו ולו אחד בהם, איז ווייבאלד עס איז נישט נוגע צו איהם גיט מען איהם א אנדער ידיעה וואס איז איהם נוגע און ער דארף האבען, בשעת אבער דאס איז איהם נוגע גיט מען דאס דורך איהם וואס ער דארף איבערגעבען.

אויך האט דער רבי שליט"א מעורר געווען נאך אמאל וועגען דעם ענין פון מבצע תפילין, אז דאס וואס דער רא"ש שרייבט אין זיינע הלכות הלכות קטנות הל' תפילין סימן ט"ו שמפני קיום מצות תפילין ותיקונן יתקיים באנשי המלחמה וטרף זרוע אף קדקוד מיינט נישט דער רא"ש נאר אז די אנשי המלחמה זאלן לייגען תפילין, נאר מצד כל ישראל ערבים זה לזה, איז דאס נוגע אויך לייגען תפילין פון אלע אידען, מילא דרוך וואס מער א ידען וועלען לייגען תפילין וועט דאס פועלן מעהר דעתו טרף זרוע אף קדקוד אויף די שונאי ישראל,

אויך דער דער רבי שליט"א געמאנט אויף בודק זיין די תפילין אויך זיי זיינען כשר, לכל הפחות בודק זיין ווי דער דין איז צוויי מאהל אין א שמיטה ומה טוב איין מאהל אין אחר כפסק המכלתא (אין פרשת בא) וע"י זה וועט מקוים ווערען דער וטרף זרוע אף קדקוד, ולא נפקד ממנו איש, און ונקרב את קרבן ה" בביהמ"ק השלישי , ונשחת עולת על ראשם .

דער רבי שליט"א האט אין לאנגערע טיפע שיחה כדרכו בקודש מבאר געווען בארוכה ווי אלע ענינים פון וועלט געפינען זיך אין תורה, ווארום עס איז דאך אסתכל באורייתא וברא עלמא, און די תורה איז דפתראות ופנקסאות וואס פון זיי האט דער אויבערשטער באשאפען די וועלט **(ב"ר בתחלתו)**, און במילא אז אלע ענינים מוזען זיך געפינען אין תורה, א דוגמא ווי די גמרא דערציילט (אין בכורות ד"ח) וועגען רבי יהושע בן חנני' מיט די חכמי אתונא אז ער האט געוואוסט נחש לכמה שנים מתעבר ומוליד, אז דאס איז לשבע שנים מצד דעם לימוד פון "מכל הבהמה ומכל החי", ~~און דאס וואס די~~ **ואדרבא** חכמי אתונא **וואס** האבען חוקר געווען ~~אין~~ **בדרך** הטבע **קענען קומען לטעות, וכך הוי אז זיי** האבען געהאט א טעות ~~וויל ווי די גמרא זאגט דארט מעיקרא הוי מעברי~~ **עיי"ש.**

כאמור איז אלע ענינים פון וועלט **מוזן זיין פריער תורה'דיק און אין תורה במילא** געפינט מען זיי אין תורה, **וכשיקשה המקשה איפוא ענין פ' ופ' - הרי ביארו מכבר** ~~און ווי עס שטייט~~ אין ירושלמי **(פאה א, א)** אויף דעם פסוק כי לא דבר ריק הוא מכם, אז אם ריק - איז עס מכם, **שאין אתם יגעין בתורה - הארעווען און אין תורה דוקא וכו'** ~~איז פארוואס ווייסט מען ניט ווארום ימים יוצרו ולו אחד בהם, איז וויבאלד עס איז ניט נוגע צו איהם גיט מען איהם א אנדער ידיעה וואס איז איהם נוגע און ער דארף האבען, בשעת אבער דאס איז איהם נוגע גיט מען דאס דורך איהם וואס ער דארף איבערגעבען.~~

אויך האט דער רבי שליט"א מעורר געווען **ובתוקף גדול** נאך אמאהל וועגען דעם ענין פון מבצע תפילין, אז דאס וואס דער רא"ש שרייבט אין זיינע הלכות הלכות קטנות הל' תפילין סימן ט"ו שמפני קיום מצות תפילין ותיקונן יתקיים באנשי המלחמה וטרף זרוע אף קדקוד ~~מיינט ניט דער רא"ש נאר אז די אנשי המלחמה זאלן לייגען תפילין,~~ ~~נאר~~ **איז** מצד **דעם** **פס"ד** **מפורש** **אז** כל ישראל ערבים זה לזה, איז דאס נוגע ~~אין~~ **דער** לייגען תפילין פון ~~אלע~~ **יעדער** אידען, ~~מילא ווען~~ וואס מער אידען וועלען לייגען תפילין וועט דאס פועלן מעהר דעם וטרף זרוע אף קדקוד אויף די שונאי ישראל.

אויך האט דער רבי שליט"א געמאנט אויף בודק זיין די תפילין אויב זיי זיינען כשר, לכל הפחות בודק זיין ווי דער דין איז צוויי מאהל אין א שמיטה ומה טוב איין מאהל אין כפסק א יאהר כפסר המכילתא (~~אין~~ **סוף** פרשת בא) וע"י זה וועט מקוים ווערען דער וטרף זרוע אף קדקוד, ולא נפקד ממנו איש, און ונקריב את קרבן ה' בביהמ"ק השלישי, ~~בי"וכ"ז~~ **אין** **אין אַן אופן פון** ושמחת עולם על ראשם.

# התוועדות ש"פ דברים - חזון תשכ"ט
# הנחת התמימים

הנחה מההתוועדות הנ"ל שנכתב ונערך בשעתה וטרם נדפסה.
הנחה זו מדויקת יותר ונכתב במאמץ לשמור ככל האפשר את לשון הרב.
ההנחה מובא בזה כפי שנכתב ונערך בשעתה.

שבת חזון

בס"ד, שיחת ש"פ דברים, תשכ"ט. **הנחת הת' בלתי מוגה**

א. פרשת דברים לייענט מען אלע מאל אין דעם שבת שקודם תשעה באב (אדער בת"ב גופא).

וואס וועגן ת"ב איז דאך ידוע אז די קביעות פון ת"ב בכל שנה ושנה איז אין דעם זעלבן טאג וואס עס פאלט אויס דער ערשטער טאג פון פסח; וואס אין זיינען אפהענגיק אלע מועדים, ווארום עד איז דאך דער ר"ה לרגלים.

וכידוע דער סימן פון א"ת ב"ש, וואס עס שטייט אין טור בשם הגאונים, און ברייננגט זיך אויך אין חסידות, אז תי"ו - תשעה באב - איז די זעלבע קביעות וואס אל"ף - דער ערשטער טאג פון פסח.

און וויבאלד אז ס'איז א סימן וואס שטייט אין תורה, איז דאך נאך מער מובן אז ס'איז ניט קיין מקרה ח"ו, נאר אז ס'איז דא א קישור פנימי צווישן ת"ב מיט חגה"פ, נאר דער קישור שביניהם איז אין אן אופן פון "זה לעומת זה עשה האלקים".

ואעפ"י אז ס'איז אין אן אופן זה לעומת זה כו', איז דאך אבער ידוע בעניין והפכתי אבלם לששון, אז די אבילות גופא וועט נהפך ווערן לטוב (וואס דאס איז דאך דער אמיתית העניין דאתהפכא אז דער רע אליין ווערט נהפך לטוב), ובמילא קומט דאך אויס אז ת"ב גופא וועט נהפך ווערן לששון, וכמ"ש הימים האלו - וואס אין "הימים האלו" גייט אריין אויך דער צום החמישי - יהפכו לששון ולשמחה.

ב. אעפ"י אז דער "והימים האלו יהפכו לששון ולשמחה" וועט ערשט זיין לע"ל, וואס דוקא דאן וועט מען זעהן דעם עילוי וואס איז ארויסגעקומען דורכן חושך הגלות, און ווי עס שטייט "אודך הוי' כי אנפת בי" אז מען וועט אפגעבן א הודי' צום אויבערשטן אויף דעם וואס "אנפת בי",

[וואס נוסף אויף דעם אז דוקא דורכן "אנפת" וועט מען זעהן דעם עילוי פון דעם טוב וואס עס וועט זיין לע"ל, ווארום בשעת ס'איז ניטא קיין רע זעט מען ניט דעם עילוי פון דעם טוב. וכדאיתא במדרש תמורה "אם אין רע אין טוב", וואס דער פירוש דערפון איז: אז דוקא לאחרי וואס עס איז דא פריער דער רע קען מען זעהן דעם עילוי פון דעם טוב.

און דער עניין אז דער טוב זעט זיך דוקא ע"י הרע שקדם לו, רירט

אן אין די העכסטע כחות, ביז אין כח התענוג. און ווי ס'ברייננגט זיך אין חסידות אז תענוג תמידי אינו תענוג, ווארום אמיתית העונג קומט ארויס דוקא בשעת אז פריער איז פאראן דער היפך התענוג.

איז נוסף לזה: לע"ל וועט מען דערזעהן די מעלה פון דעם גלות גופא, וכנ"ל בענין והפכתי אבלם לששון, אז דער אבל גופא וועט נהפך ווערן לששון],

אבער דערווייילע איז דאך דער גלות אן ענין וואס איז היפך השׂשון,

אעפ"כ זאגט מען אויך איצטער אז ת"ב איז די זעלבע קביעות פון פסח, ד.ה. אז אויך איצטער בזמן הגלות, דארף מען דערמאנען דעם עילוי וואס עס וועט ארויסקומען אין דער גאולה העתידה דורכן ענין פון ת"ב דוקא.

וואס דאס איז וואס עס'שטייט אין מדרש רבה אויפן פסוק (איכה ג,טו) השׂביעני במרורים הרוני לענה; אז "השׂביעני במרורים" גייט אויף פסח און "הרוני לענה" גייט אויף ת"ב, און ווייל "השׂביעני במרורים" און "הרוני לענה" שטייען אין זעלבן פסוק לערנט אפ דער מדרש אז "ליל יו"ט הראשון של פסח הוא ליל ט"ב".

וואס דער ביאור אין דעם איז: "השׂביעני במרורים" מיינט אז אויך בפסח דארף מען עסן מרור (כדאי' במדרש שם) וואס דאס איז זכר לגלות מצרים, כמבואר בשו"ע. איז כשם ווי "השׂביעני במרורים" אז בפסח, זמן הגאולה, דארף מען דערמאנען דעם גלות, אזוי איז "הרוני לענה", אז בת"ב דארף מען דערמאנען דעם ענין הגאולה.

ואדרבה: דאס וואס מען דערמאנט בפסח גלות מצרים, דערמאנט מען דאך אן ענין וואס איז געווען בעבר און איצטער איז דאס שוין ניט שייכות. ווארום ס'איז דאך לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם, וכדאיתא ברמב"ם (הל' מלכים פ"ה ה"ז) "בשלשה מקומות הזהירה תורה שלא לשוב למצרים כו'". און ווי עס שטייט דער טעם אויף דעם, ווייל בעת גלות מצרים האט מען שוין מברר געווען אלע ניצוצות וועלכע געפינען זיך דארט, ובמילא האט מען שוין דארטן מער ניט וואס צוטאן. וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז ס'קען ניט זיין קיין מציאות אז מען זאל נאך אמאל זיין אין גלות במצרים.

משא"כ וואס מען דערמאנט בת"ב די גאולה העתידה, איז דאך דאס אן ענין

וואס וועט זיין להבא, און נאך מערער - ס'איז אן ענין נצחי, ווארום די גאולה העתידה וועט דאך זיין א גאולה שלימה שאין אחרי' גלות, וואס דערפאר וועט מען דעמולט זאגן שיר חדש לשון זכר.

איז בשעת מען באטראכט זיך אז דער טוב וואס עס וועט ארויסקומען בגאולה העתידה דורכן חושך הגלות וועט זיין א טוב נצחי, איז דאך מובן ווי עס דארף זיין דער "אודך הוי' כי אנפת בי", ווארום נים קוקנדיק אויף דעם גודל אריכות הזמן של הגלות, איז דאס נאר א "רגע קטן" לגבי די אריכות הזמן של הגאולה, ובפרט - לגבי <u>נצחיות</u> הזמן של הגאולה.

און דאס איז דער ענין פון דעם וואס בת"ב דערמאנט מען דעם ענין הגאולה העתידה וואס דאן וועט מען זעהן ווי דער חושך הגלות גופא וועט נהפך ווערן לטוב - ווארום די התבוננות שבזה (אעפ"י אז איצטער איז דאס נאך נים בגילוי) גיט א נתינת כח און פארגרינגערט דורכצוגיין דעם גלות.

ג. אויף שבת שטייט דאך אז "מיני' מתברכין כולהו יומין", אז די אלע טעג שלאחרי השבת ווערן נתברך פון דעם שבת שלפניו און ווערן נכלל אין אים. וואס דערפון איז מובן אז דער ענין הנ"ל וואס בת"ב דערמאנט מען דעם ענין הגאולה (וואס דריקט זיך אויס אין דעם וואס זיין קביעות איז אין דעם זעלבן טאג פון פסח) הויבט זיך דאס אן אין דעם שבת שקודם ת"ב.

און דאס איז דער טעם פון דעם וואס בשבת שקודם ת"ב לייענט מען פרשת דברים, וואס גלייך בתחילת הפרשה שטייט "הואיל משה באר את התורה הזאת", אז משה האט איבערגעזעצט די תורה בשבעים לשון, כדפירש"י.

צוליב וואס האט מען געדארפט איבערזעצן די תורה בשבעים לשון - איז דאך מובן בפשטות, אז דאס איז בכדי אז תורה זאל אנקומען צו אלע שבעים אומות. וואס דורך דעם וואס אויך צו זיי וועט אנקומען תורה, וועלן זיי נברר ווערן און נהפך ווערן לטוב אין דעם זמן פון דער גאולה העתידה, וואס דאן וועט זיין כמ"ש "אז אהפוך אל עמים שפה ברורה גו' לעבדו שכם אחד".

בתחילת הסדרה זאגט ער "אלה הדברים גו'" - דברי תוכחות, און רעכנט אויס ענינים בלתי רצויים. אבער גלייך לאחרי זה זאגט ער "הואיל משה באר את התורה גו'", וואס דורך דעם וועט ארויסקומען דער "אהפוך אל עמים גו' לעבדו שכם אחד", וואס וועט זיין ~~גולה~~ בגאולה העתידה.

- ד -

ד. עפ"י הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין דעם באוואוסטן ווארט פון בארדיטשעווער, וואס ר' הלל שרייבט בשם אביו וואס ער האט געהערט פון דעם בארדיטשעווער

- וואס דער בארדיטשעווער ברייגגט זיך אין לקו"ת, און דער צ"צ ברייגגט אים כמה וכמה פעמים.

און ס'איז דאך ידוע דער גודל הקירוב דיינער מיטן אלטן רבי'ן. ביז אז דורך אים איז דער אלטער רבי ניצל געווארן פון מחלוקת כו', וואס דער בארדיטשעווער האט געשריבן (בנוגע די חלוקי שיטות וואס ס'זיינען געווען צווישן דעם אלטן רבי'ן מיט ר' אברהם קאליסקער) אז אדרבה, די שיטה פון דעם אלטן רבי'ן דאס איז אמיתית שיטת המגיד ושיטת הבעש"ט. כמבואר בארוכה אין די אגרות -

אז בשבת חזון ווייזט מען צו דעם בן מלך דעם ביהמ"ק השלישי.

אין פשטות איז "חזון ישעי'" אן ענין של היפך הטוב. וכמאמר חז"ל (יל"ש ישעי' רמז רפה) "בעשרה לשונות דיברה הנבואה..ואין אתה מוצא קשה מכולן אלא חזון". (וואס דערפאר אויך נבואת עובדי' הויבט זיך אן "חזון עובדי'", ווארום זי איז אויך קשה; נאר דארטן איז דאס קשה לאדום). היינט ווי איז דאס מתאים מיטן פירוש פון בארדיטשעווער אז "חזון" איז דאס מצד דעם וואס מען ווייזט דעם ביהמ"ק השלישי?

נאר דאס איז פארשטאנדיק פון דעם גופא וואס סיי חזון ישעי' און סיי חזון עובדי' הויבן זיך בײדע אן מיטן זעלבן לשון - חזון. וואס פון דעם וואס ביידע הויבן זיך אן מיטן זעלבן לשון איז מובן אז זיי האבן א שייכות:

דער "חזון ישעי'" ענין הגלות כו', דאס גופא וועט ברייגגען דעם "חזון עובדי'" די מפלה פון אדום. און דאס איז אויך פארבונדן מיטן פירוש הפנימי אין "חזון ישעי'" אז מען ווייזט דעם ביהמ"ק השלישי, וכנ"ל בארוכה אז דעם "והפכתי אבלם לששון" דערמאנט מען אויך איצטער בזמן הגלות, ווען עס זעט זיך נאך נישט אן דער עילוי כו'.

וואס דאס איז דער פארבונד פון ביידע פירושים (דער פירוש פון דעם בארדיטשעווער, און חזון לשון קשה) אין "חזון": בגילוי איז דאס (דערווײלע)

א לשון קשה, ווארום וויפל מען זאל נאר ניט מסביר זיין דעם עילוי ~~דואס~~ וועלכער
וועט ארויסקומען דורכן גלות, אז ס'איז [ניט נאר וואס "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" נאר אויך] "גם זו לטובה" אז דאס אליין וועט נהפך ווערן לטוב, איז אבער פאר א נברא, א נשמה בגוף, איז זייער שווער סובל זיין דעם חושך הגלות - לשון קשה. איז אבער אין דעם "לשון קשה" פאראן דער ענין פון "חזון" אז מען ווייזט דעם ביהמ"ק השלישי, וכנ"ל אז אויך איצטער, ווייזט מען שוין דעם ענין פון "והפכתי גו'".

און די הפטרה "חזון ישעי'" זאגט מען בשבת חזון, שבת שקודם ת"ב, כנ"ל (סעיף ג') אז אין דעם שבת שקודם ת"ב דערמאנט מען דעם עילוי וואס עס וועט ארויסקומען דורכן גלות אין דער גאולה העתידה.

ה. און דאס איז אויך וואס גלייך בתחילת הסדרה שטייט "אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל": אלע מאל שטייט "אל ~~אאאא~~ בני ישראל", און דא שטייט "אל (כל) ישראל". איז ידוע אין דעם אז דאס גייט אויף יעקב'ן; און דער פירוש פון "דיבר משה אל (כל) ישראל" איז אז משה וואס הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון וועט לערנען תורה מיט יעקב'ן, וכמבואר בלקו"ת בהדרוש דאחש"פ ובסהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך, אז משיח וועט לערנען תורה מיט די אבות. ?

און דאס וואס עס שטייט "אל כל ישראל" איז עס מצד דעם וואס ער וועט לערנען סיי מיט יעקב / סיי מיט זרעו של יעקב. וואס עס איז דאך סיי הוא בחיים סיי זרעו בחיים - אויך איצטער איז הוא וזרעו בחיים ומכ"ש בביאת המשיח. איז "אל כל ישראל" וועט זיין דער "דיבר משה" וואס משה הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון, וואס בפועל וועט עס ארויסקומען דורך ודוד עבדי נשיא עליהם לעולם, יבוא ויגאלנו בקרוב ממש.

ו. עס איז ידוע די מעשה פון בעש"ט, אז ~~ער~~ בעש"ט ~~האט מלמד זכות געווען~~
~~אויף~~ / די אידן וואס בעסקם במסחר און בענינים שבין אדם לחבירו / ~~פירן~~ האבן זיי זיך אויפגעפירט שלא כדבעי, / אז דאס קומט ביי זיי מצד טוב: וויבאלד אז עיקר ענינו פון א אידן איז לימוד התורה וקיום המצות, ובפרט - מחנך זיין בניו ובנותיו כו' און משיא זיין בנותיו / ~~[illegible]~~. און וויבאלד אז דאס אלץ ~~אאאאאאאאאאא~~ [illegible]

- חינוך הבנים וכו' און בפרט קעסט כו' - איז פארבונדן מיט א גרויסע הוצאה, דערפאר קומט ביי זיי ארויס ענינים של כו' אין מסחר.

עד כאן איז די מעשה פון דעם בעש"ט ווי עס ווערט דערציילט ביי חסידים. און ניכרים דברי אמת - ווארום ענינו של הבעש"ט איז געווען צו מלמד זכות זיין אויף אידן און מגלה זיין דעם טוב וואס אין זיי.

צוליב וואס איז דערגאנגען די מעשה צו אונז - איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז בכדי מען זאל זיך אפלערנען דערפון, אז מען זאל מלמד זכות זיין אויף א אידן, אז אויך בשעת מען זעט אז איינער טוט אן ענין בלתי רצוי, דארף מען אויף אים מלמד זכות זיין אז דאס קומט מצד אן ענין טוב.

בנוגע צו זיך דארף זיין אן עבירה א דבר מושלל לגמרי, אפילו ווען דורך דעם קען ארויסקומען א מצוה. ווארום (נוסף אז מען טאר ניט עובר זיין אן עבירה אפילו לצורך קיום מצוה, איז נוסף לזה: אויך בנוגע להמצוה - כ"ה בזכרון אחדים) איז דאך דאס א מצוה הבאה בעבירה. ובפרט לפי מ"ש אדה"ז בנוגע לסוכה ואתרוג שאי"ז מצוה כלל (אי"ז בבירור אם אמר כן).

בנוגע צו א צווייטן אבער, דארף מען אויף אים מלמד זכות זיין, אז די עבירה וואס ער טוט איז עס בכדי צו מקיים זיין דורך דעם א מצוה.

און דורך דעם וואס מען איז מלמד זכות על זולתו אז ער טוט עס צוליב אן ענין טוב, דורך דעם גופא איז מען מגלה דעם טוב. ווארום וויבאלד דער בעש"ט האט געזאגט דעם לימוד זכות הנ"ל, איז דאך מובן אז בפנימיות איז דאס אזוי. נאר עס קען דאך זיין אז דער טוב זאל בלייבן בפנימיות ובהעלם, איז דורך דעם וואס מען איז מלמד זכות, פועלט מען אז דער טוב זאל ארויסקומען אויך בחיצוניות ובגילוי.

ווארום ס'איז דאך מרובה מדה טובה כו'; איז כשם ווי אין דעם צד ההפכי זאגט דאך די גמרא (ערכין) "לשון תליתאי קטול תליתאי", אז לה"ר שאדט צו אלע דריי: דעם וואס רעדט; דעם וואס הערט; און אויך דעם אויף וועמען מען רעדט.

ולכאורה, דאס וואס לה"ר שאדט דעם וואס רעדט די לה"ר און

דעם וואס הערט די להה"ר, איז פארשטאנדיג. פארוואס שאדט דאס אבער דעם אויף וועמען מען רעדט, וואס איז יענער שולדיק? איז דאך ידוע דער ביאור אין דעם, אז דאס איז מצד דעם וואס דורך דיבור איז מען מגלה. ובמילא, כאטש אז יענער איז ניט שולדיק, האט אבער דער אויבערשטער מטביע געווען אין טבע הבריאה אז דורך דיבור איז מען מגלה. און דעריבער איז לשון תליתאי קטול תליתאי, ווארום כל זמן מען האט ניט גערעדט די להה"ר אויף יענעם קען זיין אז דער רע שבו איז געווען נאר בהעלם: נאר במחשבה אדער אפילו אויך ניט במחשבה, נאר ע"ד ווי ריב"ז האט געזאגט ואיני יודע באיזו דרך מוליכין אותי. און דורך דעם דיבור, ברייננגט מען ארויס דעם רע בגילוי.

איז מה-דאך אז בצד ההפכי איז אזוי, איז דאך מכ"ש במדה טובה - וואס מרובה מדה טובה - אז דורך דעם וואס מען איז מלמד זכות אויף יענעם, ברייננגט מען ארויס דעם טוב הנעלם שבו לידי גילוי. ד.ה. אז אפילו אויב דער טוב איז בהעלם באופן כזה אז יענער אליין ווייס ניט דערפון, וויבאלד אבער אז בפנימיות איז דאך דאס אזוי, וכנ"ל אז וויבאלד דער בעש"ט האט געזאגט דעם לימוד זכות הנ"ל איז דאך מוכרח אז בפנימיות איז דאס אזוי, איז דורך דעם וואס מען ברייננגט עס ארויס בדיבור, איז דאס גופא פועלט אז דער טוב זאל ארויסקומען בגילוי.

נאר בכדי אז מען זאל קענען זעהן דעם טוב וואס אין יענעם און ארויסברייננגען דעם טוב לידי גילוי דארף מען האבן א נתינת כח אויף דעם, און א פתיחת הצנור (אויף דעם עניין) פון א נשיא - איז אויף דעם דא דער סיפור הנ"ל פון דעם בעש"ט, וואס דורך דעם וואס ער האט אזוי געטאן, האט ער פותח געווען דעם צנור און אויסגעטראטן די וועג

- און ניט סתם א וועג, נאר ווי די גמרא (ב"ב ק,ב) זאגט אויפן פסוק (דברים יט,ג) תכין לך הדרך וואס עס שטייט ביי ערי מקלט, אז דאס איז ל"ב אמה, צוויי מאל א דרך, כפלים לתושי' -

פאר יעדער אידן, אז ער זאל קענען זעהן דעם טוב שבזולתו און מגלה זיין דאס מן ההעלם לגילוי.

וואס דאס איז דאך אויך געווען ענינו פון דעם בארדיטשווער וואס ער האט מלמד זכות געווען אויף יעדער אידן און ארויסגעבראכט דורך דערויף דעם טוב שבו לידי גילוי, און ביז אז ער האט ארויסגעבראכט לידי גילוי אויך דעם טוב שבענין הגלות כנ"ל אז אויך דעם ענין פון "חזון" (וואס בגילוי איז עס א לשון קשה) האט ער ארויסגעבראכט דעם ענין פון גילוי ביהמ"ק השלישי,

און דאס איז אויך ענינו של אלי' הנביא-מבשר הגאולה, ווארום וויבאלד אז ער וועט מבשר זיין די גאולה איז דאך מובן אז ער וועט צוגרייטן די גאולה, און דורך וואס גרייט ער צו די גאולה - דורך דעם וואס ער זעהט דעם טוב של ישראל און ער איז כותב זכותן של ישראל.

ז. כל הנ"ל (סעיף ו') קומט בתור הקדמה צום ענין וואס עס איז געווען היינטיקע וואך - וואס דאס איז איינע פון די סיבות וועלכע האבן גורם געווען היינטיקע התוועדות - אז מען גייט ארום א גאנצע וואך צוטומלטע פון דערויף וואס מען פליט צו דער לבנה, [illegible]

וואס דאס איז דאך אן ענין בלתי רצוי; ווארום נוסף צו צד השלילי שבזה אז דאס ברייננגט לביטול תורה, ווארום עפ"י דין קען מען ניט טראכטן קיין צוויי מחשבות בבת אחת. ובמילא בשעת מען טראכט וועגן דעם וואס מען פליט צו דער לבנה, קען מען דאך דערווייילע ניט טראכטן אין תורה. עאכו"כ בשעת מען רעדט וועגן דעם, איז דאך א ודאי אז בשעת מען רעדט וועגן דעם ענין, קען מען בעת מעשה ניטריידן קיין דברי תורה,

איז נוסף לזה: ענינו פון א אידן איז תורה ומצות. איז וואס האט ער וואס צו טראכטן וועגן דעם וואס מען פליט צו דער לבנה, וועגן אן ענין וואס האט ניט קיין שייכות צו אים.

אבער אעפ"כ, וויבאלד מען דארף דאך מלמד זכות זיין אויף אידן, דארף מען דאך קוקן אויף דעם טוב שבזה, און דאס איז וואס פון דעם ענין ווי מען איז געפלויגן צו דער לבנה, קען מען ארויסנעמען כמה הוראות אין עבודת ה'.

ח. צווישן די הוראות וועלכע מען קען דערפון ארויסנעמען, זיינען:

א) דער ענין פון כל ישראל ערבים זה בזה. ווי גערעדט שוין אמאל באריכות (שיחת ש"פ ויגש) אז ~~ווען~~ די מענטשן וועלכע זיינען געפלויגן אפילו האבן געמוזט טאן דכל פרט ופרט כפי ההוראות ווי מ'האט זיי אנגעזאגט. און האבן ניט געמוזט ~~וואלטן זיך געפירט כפי הצורך~~, טענה' ~~זיך~~; וואס האט א צווייטער צו מישן זיך ~~אין~~ ~~זייערע~~ — ווארום אויך זיי וואלטן זיך געפירט שלא כפי ההוראות, אין זייערע פריוואטע הנהגות, וואלט דאס קאליע געמאכט את כל הענין.

ב) דעם ענין פון אל תהי בז לקטנות. ווי מען האט געזעה'ן בענין זה, אז אויב מען וואלט ניט געלייגט קיין אכט אויף דבר היותר קטן, וואלט מען ניט דערגרייכט צום כללות הענין. ואעפ"י אז דער דבר קטן ~~א~~ קען זיין ~~צא~~ נאר א שוה פרוטה, מ"מ, איז דער אכטונג-געבן אויף דעם דבר קטן איז נוגע צו אן ענין וואס קאסט אפ אלפי אלפים כו׳.* שמזה מובן אויף ווי ווייט ~~ס'~~ איז נוגע, און מען דארף לייגן די גרעסטע השתדלות אויך אויף א דקדוק קל של דברי סופרים און אויף א מנהג ישראל.

~~וואס די צוויי הוראות זיינען דאך פון דעם אופן ווי מען פליט צו דער לבנה, איז דא אויך א הוראה פון דעם עצם ענין וואס א מענטש האט געקענט~~

